יג. אזוי ווי מען האלט דאך צווישען י"ד און ט"ו, און ווי גערעדט פריער אז סעודת פורים פארציט מען דאך אין ט"ו ארייין, וואס דאס איז חמשה עשר באדר.



הנחה פרטית בלתי מוגה

איז דאך דא אויף דערויף וואס די משנה זאגט אז בחמשה עשר באדר איז מען זיך עוסק בצרכי הרבים, און רעכענט אויס כמה פרטים, וואס אין דערויף איז דא א סדר אין רמב"ם, וואס ער איז א סדר תמוה וואס בכלל די סדר הלכות אין יד החזקה איז כמה נתחבטו, עס איז דא א סאך וואס מאטערען זיך אויף געפינען דעם טעם, פארוואס דער רמב"ם האט מסדר געווען אין דעם סדר ווי ער האט מסדר געווען די הלכות אין יד החזקה, און נאך ווייניקער פארשטאנדיק איז דאס ווי ער האט מסדר געווען די מצות אין ספר המצות שלו, און ווי עס איז דא אין ספרי אחרונים וואס מאטערען זיך אין דעם, און מען איז ניט געקומען למסקנא אחידא אז מען זאל פארענפערן אלע ענינים שבזה, אלע פרטים שבסדר ההלכות וואס אין יד החזקה און נאך מערער דעם סדר המצות אין ספר המצות.

עס איז דא אין געצייל‌טע ערטער וואס אויף דערויף שטעלען זיך אפילו די ראשונים פון מפרשי הרמב"ם, און דאס איז דא אויף דער הלכה פון הלכות כלאים, שטעלט זיך דער רדב"ז - וואס ער איז דאך געווען דער ראשון פון מפרשי הרמב"ם - און פרעגט וואס איז דער טעם וואס נאך הלכות ערכין וחרמים שטעלט ער די הלכות כלאים, און ניט הלכות פאה, וואס אין פסוק שטייט דאך פאה פאר כלאים.

און פארענטפערט אויף דערויף צוויי טעמים, איין טעם איז: אז אזוי ווי צום סוף פון הלכות ערכין וחרמים איז אין אנהייבס פון דעם לעצטען פרק רעדט ער וועגען די הנהגה פון חמשה עשר באדר, וואס דעמאלט איז דאך דער יום וואס מען טוט בנוגע צו ערכים וחרמים, צרכי רבים ושקלים, אזוי ווי אין דער משנה שטייט אז אין ט"ו באדר האט מען זיך אויך עוסק געווען בנוגע צו כלאים, איז דערפאר נאך הלכות ערכין וחרמין הייבט ער אן מיט כלאים.

א צווייטער טעם איז: אז אזוי ווי הלכות כלאים איז דאך כולל אין זיך כמה מינים, כלאי זרעים און כלאי אילן און לבושים און בגדים, און בהמות וכו', משא"כ פאה איז דאך דאס איין הלכה, איין מין, און עס איז דאך דער סדר פון רמב"ם פריער ברייגנען ענינים כוללים, און דערנאך ברייגנען ענינים פרטים, ענינים בודדים.

וואס לכאורה די ביידע טעמים זיינען ניט פארשטאנדיק, דער ערשטער טאם וואס הלכות ערכין וחרמין הייבט זיך אן דער לעצטער פרק בתחלתו אז בחמשה עשר באדר פארנעמט מען זיך מיט ענינים פון ערכים ושקלים, און דער רמב"ם דערמאנט דארט ניט כלאים, אבער אין דער משנה דערמאנט ער דאך כלאים, איז דערפאר שטעלט ער די הלכות שלאחרי סיום פון דעם פרק, הייבט זיך אן מיט הלכות כלאים.

לכאורה דער פריערדיקער פרק ענדיקט זיך מיט הלכות צדקה ומתנות עניים, דער פרק וואס הייבט זיך אן מיט חמשה עשר באדר איז אין סיום פון דעם פרק אז ערכין וחרמים ווי עס דארף זיין די הנהגה אין נתינת הצדקה און ער איז דארט מאריך אין די טעמים פון צדקה ואופנה, איז לכאורה האט דאך מער ארט אז נאך דערויף זאל קומען הלכות מתנות עניים, וואס דאס איז דער ענין פון צדקה, וואס הלכות מתנות עניים הייבט זיך אן מיט כלות פאה, ניט פארלאזען זיך אויף תחלת הפרק וואס אין פרק אין רמב"ם ווערט ניט דערמאנט כלאים און פארבינדען דאם מיט די משנה און אין פרק גופא איז ער מפסיק מיט מתנות עניים, און רוב הפרק איז אויך מיט מתנת עניים, ווארום כהנים זיינען דאך בכלל לעני ולגר אשר בשעריך, און דאס האלט ניט אן דעם המשך וואס קומט באופן ההגיוני ביותר, אז אזוי ווי ער רעדט פריער אזוי דארף זיין מתנות עניים אז מען זאל געבען ניט אינגאנצען נאר א טייל וכו', אז דערנאך זאל ער אריין גיין אין פרטים בזה.

אזוי אויך דער צווייטער תירוץ, אז ער וויל פריער ברייגנען א דבר וואס איז כולל אין זיך כמה פרטים, איז דערפאר הייבט ער אן מיט הלכות כלאים, וואס האט אין זיך כלאי זרעים ואילנות ובגדים ובהמות, און ניט הלכות פאה, וואס דאס איז א דין מבודד, א איינציקער.



הנחה פרטית בלתי מוגה

אין דער רמב"ם רופט ניט אן די הלכות פאה, נאך הלכות כלאים קומט הלכות מתנות עניים, איז פונקט אזוי ווי הלכות כלאים איז כולל אין זיך כמה אופני כלאים, אזוי הלכות מתנות עניים כולל אין זיך כמה מתנות עניים, און אזוי ווי אין הלכות כלאים, סיי ווי סיי אין ערטשען פרק ברענגט ניט דער רמב"ם כמה אופני כלאים, ער ברייננגט מערניט ווי כלאים פון כלאי זרעים, און דערנאך איז ער מבאר אנדערע ענינים אין כלאים.

אזוי אויך אין הלכות מתנות עניים איז ער מבאר מתנות עניים וואס עס איז דא אין פאה, דערנאך איז ער מבאר כל שארי הפרטים.

איז דאך מצד שני הטעמים, אדרבה, וואלט געפאסט מערער אז הלכות מתנות עניים זאל קומען גלייך נאך הלכות ערכין וחרמים, אהין געהערען זיי, ובפרט נאך אז דער סדר אין פסוק איז אויך אזוי אז פריער שטייט פאה און דערנאך שטייט כלאים.

- מיט דעם רדב"ז בכלל קאן מען זיך ניט פארפירען, ערשטענס איז ער א ראשון, דערצו איז נאך א ענין וואס ער האט ספרים, גאר אין קבלה, און ספרים וואס ווערען געברא(ו)כט, אין קבלה איז דאך דא ספרים, ווי עס שטייט אין מאמרי חסידות, וואס מען האט סומך געווען ידיהם עליהם, ומתאימים לקבלת האריז"ל, ווארום עס איז דאך הלכה כהאריז"ל החי, אין עניני קבלה, און די ספרי רדב"ז אין קבלה ווערען געבאכט ווי ספרים וואס זיי זיינען אליבא דהילכתא פון דעם אריז"ל החי, איך מיין תורה קאן דאך אבער יעדערע פראווען זאגען א סברא, און דערנאך פארקערט זאל קומען א צווייטער און סותר זיין -

איז מען דאס מבאר דערמיט וואס מען האט שוין געשריבען וועגען דעם (בהמכתב לגמ"ח שומרי שבת) אז פאר דער משנה פון חמשה עשר באדר שטייט אז באחד באדר איז מען מכריזין על השקלים ועל הכלאים.

וואס אין דערויף איז דאך ניט פארשטאנדיק דער סדר, בשעת מען איז מכריז מען וויל באווארענען אידען, האט מען דאך פריער געדארפט באווארענען א ערענסטע זאך, א ענין שהזמן עובר, און דערנאך באווארענען אויף א זאך וואס איז ווייניקער ערענסט, און דער זמן איז ניט עובר.

דער ענין פון כלאים איז דאך א זאך וואס איז עלול בכל שעה ושעה אויב מען וועט ניט מכריז ומשמיע זיין אז מען זאל זורע זיין כלאים, וויבאלד ער ווייס ניט דעם דין, דאס וואס ער וועט מכריז זיין מיט א האלבע שעה שפעטער וועט ער דערווייל זורע זיין בכלאים, אפילו די כלאים וואס זיינען שוין איינגעזייט געווארען און ער איז זיי ניט עוקר, איז דאך אויך אויב עס איז גדל מאתים איז דעמאלט איז שוין דא אין דערויף א איסור וואס ער האט ניט עוקר געווען.

איז דאך נוגע כל רגע ורגע וואס ער וועט דאס פריער מכריז זיין, קאן דאס זיין נוגע לפועל און אין א אופן וואס ער קאן דאס דערנאך ניט מתקן זיין, בשעת מען איז עוקר כלאים איז ער מתקן מכאן ולהבא, אבער דאס וואס איז געווען ביז איצטער האט מען עובר געווען אויף שדך לא תזרע כלאים,

אין שקלים איז דער היפך - שקלים האט מען מפריש געווען ניט נאר אויף די וואס ליגען שוין אין לשכה, אפילו אויף די וואס וועלען קומען כמה ימים ושבועות לאחרי זה, מען פלעגט מפריש זיין אפילו אויף די שקלים וואס פלעגען קומען ממדינת הים, מיט וויפיל חדשים שפעטער, עאכו"כ אויב ער וועט פארשפעטיגען מיט די פינף מינוט וואס ער וועט פריער מכריז זיין על הכלאים, וועט ער דאך דערביי גארניט אנווערען, ובכללות הענין איז גאר דא ווי דער דין ווערט געבראכט, אז אפילו דער וואס האט ניט מפריש געווען שקלים, האט מען אויך מכוון געווען ער זאל האבען א חלקאין די קרבנות הצבור, עס איז מערניט וואס דער ענין פון די שקלים, פון מצות

שקלים האט ער נישט מקיים געווען, משא"כ בא כלאים איז דאך פונקט דער היפך, עס איז כל החומר בזה, עס איז הזמן עובר און הזמן גרמא, און נאך א זאך עס איז א איסור תמידי.

שקלים אז ער האט עם איינמאל מפריש געווען, איז ביז איבער א יאר באחד באדר, איז עס דער ענין ניט נוגע, כלאים איז עס נוגע היינט און מארגען און איבערמארגען עס איז א ענין וואס חובתו תמידי כל השנה כולה.

און די משנה זאגט דעם סדר, וואס דאס איז דאך זיכער אויך בדיוק אז פריער על השקלים, און דערנאך על הכלאים.

האט זיך אין דערויף געגעדט דער ביאור: אז דער סדר אין וועלט איז אסתכל באורייתא וברא עלמא, אז ווי אזוי קומט אראפ א ענין אין גשמיות, בשעת עס איז פריער דא דער ענין אין תורה אין רוחניות, ווערט דערנאך דער זלעבער סדר איינגעשטעלט אין גשמיות.

דער ענין פון כלאים איז, ווי דער רמב"ן ברייננגט און עס שטייט אויך אין זהר בקיצור, אויף ניט מערבב יזיין כחות הטבע, דער אויבערשטער האט דאך איינגעראדענט אז עס זאל זיין עץ עושה פרי למינהו, יעדער מין באזונדער, ועד"ז בבע"ח, ועד"ז בשעטנז פון צמר ופשתים כמובאר בכתהאריז"ל, במילא דארף א מענטש ניט מערבב זיין די כחות, וואס דער אויבערשטער האט זיי פאנאדערגעטיילט אז עס זאל זיין למיניהם,

וואס דאס רעדט זיך דאך וועגען ענינים בגשמיות, וועגען א אילן און וועגען א בהמה און וועגען צמר ופשתים און וועגען דשא עשב, ווי אזוי ווערט דאס אין ענינים גשמיים דארף פריער זיין אסתכל באורייתא אין ענינים רוחניים.

בשעת ער איז ניט מערבב די כחות רוחניים פון שנה זו מיט שנה הבאה דורך וואס, ווי אזוי איז ער ניט מערבב, ווער איז מגלה די כחות רוחניים און ממשיך די כחות רוחניים, דאס איז דאך די עבודת הקרבנות, די קרבנות איז דאך ענינם דער ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם, וואס מעיקרי עבודת משכן ומקדש איז דאך דאס הקרבת קרבנות, איז בשעת מען איז מכריזין על השקלים, אז עס דארף זיין מדי שנה בשנה, אז דמי שנה זו זאל מען ניט מערבב זיין מיט דמי שנה אחרת, דערפאר וואס די קרבנות זיינען ממשיך כחות רוחניים, דארף דאס זיין ווי דער אויבערשטער האט איינגעטיילט די שנה באזונדער און די שנה באזונדער, איז נאך דערויף ווי דאס פירט זיך דורך בעולמות עליונים ברוחניות, אין עוה"ז עצמו ברוחניות העולם, קומט דאס דערנאך אראפ אין כללים אז דער דשא עשב און אילנות ובהמות און צמר ופשתים זאל יעדער ענין גיין למינהו.

וואס עד"ז איז דאס אויך, וואס דערפאר דארף זיין פריער אז תורה, וואס דאס איז בי"ד, איז מכריז ומגלה ומשמיע בכל העולם כולו אז מען זאל וויסען זיין אז איצטער ענדיקט זיך די שנה וכל עניני קרבנות, וואס רזא דקורבנא עולה עד רזא דא"ס, און דארף מען דאס אפטיילען פון קרבנות פון שנה הבאה, און דערנאך קאן מען מכריז על הכלאים, וויבאלד אז דער אויבערשטער איז ממשיך די כחות כל שנה ושנה בכל סוג וסוג, זאל דערנאך ניט קומען א איד און דאס מערב זיין.

דערפון וועט מען אויך פארשטיין דעם ענין פון ערכין וחרמין, בשעת פארענדיקט ערכין וחרמין, אז דער ענין פון צדקה איז טאקע א דבר גדול, אבער אעפ"כ איז דערויף דא הגבלות, ער זאל ניט אפגעבען זיין גאנצען רכוש לצדקה וכו' וכו', איז דאך ידוע אז אין צדקה איז דא די צוויי ענינים אז דאס וואס ער גיט צדקה איז דאס ניט וואס ער גיט אייגענע, נאר וואס דען דאס איז מלוה השם חונך דל שכרו ישולם לו, דאס גיט ער דעם אויבערשטענס, און נאך מערער ווי חסידות איז נאך מבאר, אז דאס ליגט בא עם בפקדון, אז דאס איז גאר מלכתחלה ניט זיינע, ער גיט אפ יענעם, וואס מען האט בא עם געלייגט בפקדון, און דער אויבערשטער פראווט עם אויס צי ער איז א גוטער נפקד.



הנחה פרטית בלתי מוגה

וואס דערפאר איז פארשטאנדיק אז ער דארף ניט אפגעבען איינגאנצען, ווארום דער אויבערשטער גיט דאך פרנסת כאו"א לו, האט ער דאך זיכער זיין פרנסה אויך, דארף ער ניט אפגעבען דאס וואס געהערט עם, פארוואס דערפאר וואס אין מערבין שנה בשנה, מען איז ניט מערב איין סוג מיט דעם צווייטען סוג.

און בשעת דער אויבערשטער האט עם באשאפען אז ער זאל האבען זיין פרנסה בלייבט דאס בא עם, און ער איז מחויב במצות הצדקה, פארוואס דערפאר וואס ושכרו ישולם לו, דאס גיט ער ניט זיינע, דאס גיט ער דאס וואס בא עם איז געווען בפקדון, אדער ער טוט שליחותו של הקב"ה לפרנס בניו של מקום.

איז דערנאך קומט גלייך דער רמב"ם און איז מבאר, וואס קומט דערפון ארויס דער דין, וויבאלד אז ברוחניות אין עבודת המצות, דארף זיין די צדקה בהגבלה כדי שלא לערבב חלקו של עשיר וחלקו של עני, דערפאר וואס חסד ואמת מן ינצרוהו, ווי ער זאגט אין מדרש אז דוד אמר להקב"ה וואס דארף זיין עני ועשיר, האט אים דער אויבערשטער געענטפערט חסד ואמת מן ינצורוהו, אויב עס וועט ניט זיין עניים ועשירים איז ווער וועט מקיים זיין דעם ענין פון חסד ואמת.

און דאס איז בבריאתו של הקב"ה באזונדערע סוגים, נאר וואס דען ניט דער עשיר דארף זיין יעוז בהותו, ניט דער עני דארף זיין בא זיך אראפ געפאלען, און דער עשיר דארף וויסען אז בא עם ליגט א פקדון וואס ער דארף אפגעבען דעם עני.

אבער דערנאך דארף ער וויסען אז לא יחסר לחמו, ווי דער רמב"ם איז מסיים אין הלכות ערכין וחרמין ווי עס דארף זיין בזה די הנהגה.

דערפאר וואס דאס איז אזוי בעניני תומ"צ, בדוגמא ווי מכריזין על השקלים, קומט דערנאך גלייך ארויס דער איסור פון כלאים, אז דערפאר דארף מען ניט מערב זיין כלאים של זרעים ואילנות ושל בהמה, וכל הפרטים שבזה, קאן ער זיך כאפען אז אויב אזוי וואס דארף ער בכלל געבען א עני, ווי טורנסרופוס האט געפרעגט בא ר' עקיבא, אז דער אויבערשטער האט בעה"בת'שקייט וואס ווילסטו דאס משנה זיין.

שרייבט ער גלייך דעם ענין פון הלכות מתנות עניים, אז געבען דארף מען געבען מיט דעם אל יבזבז דעם גאנצען סדר שבזה.

- מאמר המוסגר - בד"א ווי דער אלטער רבי באווארענט אויב דאס איז א ענין פון צדקה, אויב דאס איז א ענין פון עור בעד עור וכל אשר לאיש יתן בעד נפשו, איז דאס א ענין פון רפואה ניט פון צדקה, איז דאס נאך א ענין בזה -

וואס דערמיט איז מבואר דער סדר, פארוואס עס דארף זיין נאך ערכין וחרמין וסיום הלכות אלו, קומט אראפ בגלוי דער ענין פון כלאים, און דערנאך דארף זיין גלייך באווארעניש אז עס מוז זיין הלכות מתנות עניים.

דערמיט איז אויך דאס וואס מען זאגט אז בחמשה עשר באדר, וואס דעמאלט איז קיימא סיהרא באשלימותא איז מען נאך אמאל טוט מען אין דעם ענין של כלאים, אע"פ וואס באחד באדר האט מען שוין מכריז געווען אויף דעם, ווי די גמרא זאגט דעם טעם, אז מען גלייבט עס ניט ווער ווייס צי דאס איז ארויס אין פועל, איז דאס בדוגמא ווי מען זעט, ביז וואנעט אז דאס דערגרייכט אז עס ווערט דערפון א פלוגתא פון ב"ה וב"ש.

וואס מיר געפינען א פלוגתא פון ב"ה וב"ש בנוגע לראש השנה לאילנות, אז ב"ש זאגען אז ר"ה לאילנות איז באחד בשבט, ב"ה זאגט אז דאס איז בחמשה עשר בשבט, דער חילוק פון באחד, ר"ח, ביז חמשה עשר, דאס איז וואס ראש חודש איז דאס א מולד, מערניט ווי א נקוד, האבער די נקודה איז אין זיך כולל כל ימות החודש ביז דעם

שלימות התכלית, וואס עס איז דא בחודש, וואס דאס איז דער חמשה עשר שטייט דאס אין דער נקודה, ר"ח שטייט דאס בכח, בחמשה עשר בחודש שטייען די ענינים בגלוי.

וכידוע דער לשיטתי' פון ב"ש וב"ה בכ"מ בש"ס אז ב"ש גייט נאך דעם בכח און ב"ה גייט נאך דעם בפועל, ווי עס איז אין סיום הש"ס בנוגע צו מאימתי מטמאין זאגט ב"ש משיהרהר און ב"ה זאגט משיעשה, ועד"ז אויך פורים איז דאך פארבונדען מיט חנוכה, איז ב"ש זאגט אז מען דארף האבען כנגד ימים הנכנסים, ס'טייטש ער שטייט אין דעם ערשטען טאג און צינד שוין אן אכט ליכטלעך דערפאר וואס אין דעם ערשטען טאג איז ימים הנכנסים, אלע אכט טעג זיינען נכלל אין דעם ערשטען טאג, זיי שטייען שוין דארט בכח.

ב"ה זאגט אז מען דארף האבען בגלוי, דעם ערשטען טאג איז דא איין טאג, צינד ער איין ליכטל, דעם אכטען טאג איז דא בגלוי אכט טעג, צינד ער אן בגלוי אכט ליכטלעך.

ועד"ז אויך ר"ה לאילנות וואס דאס היינגט אפ אויך אין ר"ה פון תחלת השנה, שטייט אין ירושלמי אז דער ענין פון ר"ה לאילנות איז, אז דאס איז דער שרף העולה באילנות, די משקה וואס זיי ברייגגען ארויף דעם חיות פון די שרשים אין ענפי האילן, געדויערט דאס פיר חדשים ביז וואנעט עס קומט ארויס בכח, ביז וואנעט אז עס הייבט זיך אן פון ר"ה, און עס גייט אדורך תשרי חשון כסלו און טבת קומט דאס ארויס ר"ח שבט בגלוי.

לכאורה אויב אזוי וואס איז די פלוגתא פון ב"ה וב"ה, דער חילוק אבער פון ר"ח וחמשה עשר בתשרי איז אויך דער חילוק פון בכח ובגלוי, בר"ה איז דאס דעמאלט בכסה, ווען ווערט דאס בחגינו, בגלוי, ווערט דאס בחמשה עשר בחודש, וואס חסידות איז דאס מבאר בארוכה, אין מדרש שטייט דאס בקיצור.

אין מדרש זאגט ער אז בר"ה איז לובשים לבנים דערפאר וואס מען ווייס אז נוצחים בדין, אבער פונדעסטוועגען בגלוי איז דאס ניט, ביז וואנעט אז קומט סוכות ווייס מען ניט מאן נצח, בשעת עס קומט סוכות ולקחתם לכם ביום הראשון, חמשה עשר בתשרי, גייט מען ארויס מיט א לולב, וואס דאס איז א סימן של נצחון, דעמאלט ווערט בגלוי אז דידן נצח, אז מיר האבען מנצח געווען.

ממילא קומט דאך אויס אז ר"ה דארט איז די ענינים בכח, און חמשה עשר בתשרי, איז דא די ענינים בפועל, וואס במילא וויבאלד אז מען דארף האבען דערנאך פיר חדשים ביז עס וועט אראפ דער שרף העולה באילנות אין די ענפים, דערפאר איז לדעת ב"ה וואס מען דארף האבען דעם בגלוי איז דארף מען ווארטען בר"ה בתשרי ביז חמשה עשר בתשרי, קומט דאס דערנאך ארויס פיר חדשים שפעטער, חמשה עשר בשבט, לדעת ב"ש וואס מען קוקט אויף דעם בכח, אויף דעם העלם וויבאלד אז בר"ה איז דאס שוין געווען בכח, בהעלם, קומט דערנאך ארויס דער ר"ה לאילנות אויף ר"ה שבט.

עד"ז אויך בנוגע צו ר"ח אדר וחמשה עשר באדר, ר"ח אדר טוט מען אוף דעם ענין בכח אז מען זאל עוקר זיין די כלאים, און אז דער סדר העולם זאל זיין בתיקונה, וואס דערפאר געפינט מען דאך אין חדש אדר לכאורה ענינים הפוכים, מען זאגט אז דער נס איז געווען בארבעה עשר ובחמשה עשר, דערנאך זאגט די מגילה ונהפוך הוא, אויף וועמען זאגט מען ונהפוך הוא - החודש אשר נהפך להם, דער גאנצער

ביז וואנעט אז מען פסק'נט דעם דין, כאמור כמה פעמים, אז יעדער ענין שפיגלט זיך אפ אין נגלה, אז מאן דאית לי' דינא בהדי עכו"ם, זאל ער דאס ארייננציען אין חדש אדר, ניט ער דארף ווארטען ביז ארבעה עשר וחמשה עשר, עס קומט צוגיין צו ר"ח איז שוין אגעטאן דער ענין.

און דער חילוק אין דערויף איז, ע"ד ווי דער חילוק פון ר"ה וסוכות, איז ר"ח אדר שוין דער ונהפוך הוא, ווען שטייט דאס באשלימותא, בגלוי, איז דאס בחמשה עשר.

וואס דערפאר איז דא אויך אויף כלאים דיביידע זמנים, און אויף צרכי רבים די ביידע זמנים, איין זמן פון ר"ח אדר וואס דעמלאט איז אויך שוין דער ונהפוך הוא, ביז וואנעט אז קיימא סיהרא באשלימותא בארבעה עשר ובעיקר ובחמשה עשר, ווארום דער אמצע החודש ווען קיימא סיהרא באשלימותא, דער חצי החודש איז דאך פערצען טעג מיט צוועלף שעות מיט חלקים צווישען י"ד און ט"ו, און עס איז דאך דער כלל, ווי די גמרא זאגט אין מגילה, אז ימים אתה מחשב לחודש ואין אתה מחשב שעות לחודש, דערפאר איז דאך מרובה מדה טובה, האט מען גענומען סיי יום י"ד און סיי יום ט"ו, וואס ביידע איז קיימא סיהרא באשלימותא.

ויה"ר אזוי ווי ישראל איז דאך נמשל ללבנה, ביז ואנעט אז מען זאגט דאך בא מגלת אסתר, אז פארוואס ווערט זי אנגערופען בשם אסתר ע"ש אסתר טייטשט אפ רש"י אז דאס איז דער ענין הלבנה וואס אסתר איז דומה ללבנה, זאל זיין די אילת השחר, אז מה שחר זה כך גאולתן של ישראל, און עס זאל קומען בשעתא חדא וברגעא חדא, די גאולה האמיתית והשלימה, דורך ועבדי דוד, וואס דוד הוא הקטן, ווי די גמרא זאגט אין חולין, אז דאס איז מפייס דעתו של לבנה, וואס זי איז דער מאור הקטן, אז ועבדי דוד נשיא עליהם לעולם, משיח צדקנו יבוא ויגאלנו בעגלא דידן בקרוב ממש.

(צוה לנגן ניגון הכנה ואח"כ ניגון אדמוה"ז, ניע זשוריצי).

יב. אזוי ווי עס איז דאך מיסמך גאולה לגאולה זאל מען זינגען ממצרים גאלתנו, און דערנאך מן הדיבור אל הפעולה.

די וואס זיינען מחויב אין א ברכה אחרונה איז איידער זיי וועלען מסיים זיין וועלן זיי מסתם מאכען א ברכה אחרונה.

(התחיל בעצמו, הושיעה את עמך וברך את נחלתך ורעם ונשאם עד העולם).



הנחה פרטית בלתי מוגה